# השב תשיבם לאחיך...

***לכבוד המערכת הי"ו.***

מיט עטליכע וואכן צוריק איז דא געווען באשריבן א הערליכע מעשה פון השגחה פרטית, ווען א יונגערמאן האט פארגעסן פרייטאג צו לייגן תפילין דרבינו תם, און אין די לעצטע מינוטן פאר די שקיעה האט ער באקומען א דערמאנונג מן השמים, און ער האט זיך דערמאנט...

עס האט מיר דערמאנט א מעשה וואס איך האב מיטגעהאלטן אין די לעצטע וואכן ווי אזוי די הייליגע תפילין האבן גערופן פאר רחמנות, און ב"ה מ'האט זוכה געווען דאס צו מציל זיין פון צוגרונד גיין מבעוד מועד.

איך שפיר אז דאס דארף באשריבן ווערן סיי אלס דעם חלק פון "יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם", און אויך ווייל דאס וועט ארייננברענגען א התעוררות אין אידישע קינדער, איבער די קדושה פון די הייליגע תפילין, און מעורר זיין אז געננוי ווי מ'טאר נישט לאזן שלאפן א "בעבי אין א קאר", ווייל עס קען זיך ח"ו ענדיגן פאטאל ה"י, איז נישט אנדערש מיט אונזער הייליגע תפילין...

מיר, אנטווערפענער אידן, זענען אין די לעצטע יארן באשאנקען געווארן אז מידי שבת בשבתו זענען מיר זוכה צו חשוב'ע געסט. אידן פון ענגלאנד בפרט, פון אמעריקע, און פון איבעראל קומען צו פארן יעדן איינציגן שבת צו כ"ק מרן אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א להסתופף בצל הקודש. מ'קומט אן פאר שבת, מ'פארט אהיים נאך שבת, אנגעזאפט מיט חיזוק, קדושה, לעכטיגע אידישקייט, וואס דאס האט אומדירעקט א שטארקע השפעה אויף אויף אונזער שטאט.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז אנגעקומען א משפחה אויף שבת צום פשעווארסקער רבי'ן שליט"א, א טאטע, מאמע, מיט עטליכע קינדער.

זיי זענען אנגעקומען מיט'ן פליגער קיין אמסטערדאם, און פון דארט האבן זיי גענומען דעם באן קיין אנטווערפן.

דאס איז אן עקסטערע שמועס פאר זיך וואס וואלט גענדארפט שטארק ארויסגעברענגט ווערן אז דער עולם וואס טוט דאס זאל וויסן אז די גאנצע באן סטאנציע איז שטארק נישט באווארנט. די 'טרעין סטעישאן' דא קען מען נישט אראפגיין פונעם באן אויב מ'האלט נישט אפענע זיבן אויגן אויף יעדן רענצל. עס האט שוין פאסירט אזויפיל גניבות און גזילות, און אידן וואס האבן באוויינט זייערע נכסים וואס זיי האבן דא פארלוירן, נישט וויסנדיג אז עס זענען דא באזונדערע הלכות אויף די דאזיגע באן סטאנציע.

אונזער ראש המשפחה וואס איז דא אנגעקומען האט זעט אויס אויך נישט געוואוסט דעם כלל, ער האט נישט געכאפט, און נאך אונטער א רגע היסח הדעת איז איין רענצל אוועקגעקומען. עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט אז אין דעם רענצל איז געלעגן דעם טאטנ'ס תפילין, דאס גאנצע טלית בייטל, דער טלית, תפילין דרש"י, תפילין דרבינו תם, און אויך דער תפילין בייטל פון א בר מצוה בחור, מיט נאך א סעט רש"י תפילין.

מען קומט אן קיין אנטווערפן, מען וויל מיטהאלטן א לעכטיגן שבתביים רבי'ן, און דא דערזעט מען זיך אז מען האט נישט קיין תפילין. מען גייט אריין אינעם שבת, דער טאטע האט נישט קיין תפילין, דער בר מצוה בחור האט נישט קיין תפילין. כמובן אז מ'איז געווען שטארק צובראכן און פארלוירן.

שוין פרייטאג האבן די עסקנים געהערט פון דעם אינצידענט און אנגעהויבן צו טון דערין.

היות איך בין א שטיקל עסקן, האט ער מיך אויך אנגערופן. איך האב אויך אנגעהויבן צו מאכן טעלעפאן קאלס, אבער איך האב געוואוסט אז עס איז נישט כדאי צו זאגן פאר דעם איד אז מען טוט פאר אים, ווען עס זענען דא גאנץ קליינע שאנסן אז ער זאל האבן א מעגליכקייט צוריק צו באקומען זיינע תפילין.

איך בין אנגעקומען דארט אין אמסטערדאם וואו ס'איז ארייננגעגעבן געווארן די קלאגע, אזויפיל האב איך אויפגעטון, אז זיי האבן געהאט געמיינט אז מ'רעדט דא פון בעלגישע בירגער, האב איך זיי געזאגט אז מ'רעדט פון אן אמעריקאנער. דאס האט זיי געמאכט מער אויפמערקזאם. איך האב געבעטן אז מ'זאל האלטן אן אויג אויף די גארבעדזש קענס, פארשטייענדיג אז דער פראסטער גנב וואס האט אוועקגע'גנב'עט דעם רענצל, אויב האט ער דאס אונטערגעזוכט נאך אין עירפארט, זעענדיג די טלית ותפילין, האט ער עס ווארשיינליך אוועקגעווארפן. האב איך געבעטן אז פאר מ'ווארפט אוועק די גארבעדזש, זאל מען האלטן אפענע אויגן אויב עפעס ליגט דארטן. אבער איך האב בעפאר שבת גארנישט צוריקגעהערט.

ממילא האב איך געשפירט אז אים צו גיין אנרופן און אים בארואיגן און אים זאגן מ'טוט, מ'טוט, און מ'האפט דאס צוריקצוזען,

היות מיר טוען יעצט צוריק מחדש זיין דעם באַרימטן "ביי מיר האָט דאָס פּאַסירט" קאָלום, בעטן מיר דעם חשוב'ן ציבור זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט'ן אַריינשיקן סיי וועלכן עפּיזאָד וואָס איר קלערט אַז ס'קען זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם קאָלום, בפרט עפּעס וואָס האָט אין זיך א גוטן מוסר השכל אָדער השגחה פּרטית אד"ג. וזכות הרבים תלוי בכם.
**איבערצוגעבן עפּיזאָדן און קאָמענטאַרן ביטע רופט: 845-783-0735**

בשעת ווען איך אליין גלייב נישט דערין, האט נישט קיין פשט, האב איך גארנישט געזאגט.

אבער, ווי געזאגט האב איך יא געמאכט טעלעפאן קאלס צו די באאמטע ביי די באן, און צו וואו מען האט געקענט טראכטן אז ס'זאל זיין אויגן וואס זאלן קוקן און אונז באגלייטן צו טרעפן די אבידה. אז אויב עס גייט אריינקומען סיי וועלכע מעלדונג איבער אידישע רעליגיעזע ארטיקלעך, טלית ותפילין וכדומה, זאלן זיי מיך רופן, מודיע זיין און איבערגעבן. און איך האב נישט באקומען קיין שום תשובה צוריק בעפאר שבת.

עס זענען שוין געווען דא ביי אונז מערערע באזארגטע אידן וואס האבן פרובירט ארויסצוהעלפן דעם משפחה מיט וואס ס'האט נאר געפעלט, אבער אן איבריגע פאר תפילין, דאס מיינט צוויי פאר רש"י תפילין און איין פאר רבינו תם תפילין, האט קיינער נישט געהאט איבריג, און אפילו אויב יא, ווען מ'רעדט פון א היימישער חסיד'ישער יונגערמאן וואס האט געשריבן זיינע תפילין מיט אלע חומרות און הידורים, וועט ער זיך נישט באגנוגן מיט'ן גיין פארשאפן פאר אים בהלוואה פונעם חב"ד צענטער עטליכע פאר תפילין וואס זיי האבן באקומען פון ווער ווייסט וועלכע מקומות מפוקפקים.

מוצאי שבת האב איך באמערקט אז ס'איז אנגעקומען א מעסעדזש פון א געוויסע נייעס באריכטער פון "אנטווערפענער נייעס". דארט איז געווען א בילד פון געפונענע דריי פאר תפילין. איך האב תיכף ומיד אנגערופן דעם טעלעפאן נומער וואס איז דארט געווען מיטגעגעבן, און געלאזט א מעסעדזש ער זאל מיר צוריקרופן.

דער איד האט מיך צוריק גערופן און ער האט געבעטן א סימן...

נו, גיי טרעף א סימן...

איך בין אריבערגעגאנגען אין פשעווארסקער בית המדרש און באגעגנט דעם איד וואס האט געזוכט זיין תפילין. ער איז געזעסן ביים מלוה מלכה, און איך פרעג אים "דו האסט שוין עפעס געהערט פון דיינע תפילין?" האט ער מיר געזאגט, "איך האב פריער מזכיר געווען ביים רבי'ן, און דער רבי האט מיר געזאגט, 'רבי מאיר בעל הנס איז זייער גוט אין דעם'. איך האב שוין געלייגט צדקה פאר רבי מאיר בעל הנס."

איך האב אים געזאגט אז עס איז דא עפעס א בילד, און איך האב אים געבעטן אז ער זאל מיר געבן א סימן, וועלכע ספרים אדער סידורים עס זענען געווען אין זיין טלית בייטל.

ער האט מיר געזאגט די ספרים וואס עס זענען דארט געווען, וביניהם א גמרא פון ארטסקראל, בבא קמא חלק ב', מיט נאך עטליכע ספרים.

איך האב צוריק גערופן יענעם איד וואס האט געטראפן די אבידה, האט ער געזאגט, "יא, עס שטימט. דאס איז די גמרא, און עס זענען דא נאך עטליכע ספרים." ער האט עס דערקענט.

איך האב געדארפט אראפפארן א וועג פון א שעה קיין בריסל דאס אפצונעמען פון דעם איד וואס האט געטראפן די אבידה.

אבער דארט בין איך געוואויר געווארן די פלא'דיגע מעשה וואס עס איז זיך דא פארלאפן.

האט ער פארציילט וואס די מעשה איז געווען:

ער אליין וואוינט אין א געגנט וואו עס וואוינט נישט קיין איין איד. עס איז א גוי'אישע, שמוציגע געגנט. דארט וואוינען גוים, דראג הענדלער, גנבים, פארברעכער.

ער איז ארויסגעגאנגען שבת אינדערפרי, און ער האט מחליט געווען צו גיין אין אן אנדערע שול פון יעדע וואך. ער ווייסט אליין נישט פארוואס, אבער געווענליך גייט ער קיינמאל נישט אויף דעם וועג.

זייענדיג בערך 300 פיס אוועק פון זיין הויז, באמערקט ער ווי עס ליגט אויף דער ערד 'תפילין' מיט 'ספרים'...

ער האט זיך אפגעשטעלט און געקוקט "וואס טוט מען אלס הלכות שבת, איך בין דא אינמיטן א רשות הרבים. ווי אזוי מעג איך אויפהייבן די תפילין? ס'איז נישטא קיין עירוב. אבער דא ליגן תפילין אויף דער ערד מיט ספרים"...

קודם האט ער דאס צוגעדעקט אז עס זאל נישט ליגן אזוי בגלוי. ער האט געטראפן א וועג ווי אזוי ער קען עס צודעקן, און ער איז געגאנגען עקסטערע 45 מינוט צו א שול צו פרעגן א רב וואס ער קען טון. דער רב האט אים געזאגט, "מניחן זוג זוג", טו עס אן, יעדע איינע עקסטער, און אזוי קענסטו אהיימגיין.

דער איד האט אזוי געטון, ער האט אוועק געגעבן זיין 'שבת' צו מציל זיין די תפילין...

דריי מאל האט ער אוועקגעגעבן די צייט, שעות ארוכות, אנגעטון יעדע פאר תפילין עקסטער, און אזוי איז ער אהיימגעגאנגען מיט די תפילין.

מוצאי שבת איז ער צוריקגעקומען און אפגענומען די ספרים וואס איז דארטן געלעגן מיט די שיידעלעך מיט די אלע אנדערע זאכן וואס איז געלעגן דארט.

איך טראכט אריין ווי אזוי תפילין וואס זענען גע'גנב'עט געווארן אויפ'ן באן אין אמסטערדאם זאל אנקומען אין א שטאט נעבן בריסל, איז זייער שווער צו פארשטיין. אין יענע געגנט אז ס'זאל וואוינען א איד איז נאך א גרויסע חידוש. און דער איד אליין פארציילט אז ער דאוונט קיינמאל נישט אין די שול, און א געווענליכע שבת גייט ער קיינמאל נישט אין די געגנט בכלל. און דא האט ער מחליט געווען דעם שבת צו גיין צו דעם געגנט. און דער איד האט געהאט די מסירות נפש צו גיין דריי מאל במשך דעם שבת, א לענגערן וועג, אנטון די תפילין, המוצא תפילין מניחן זוג זוג, און אפטראגן. דאס אלעס איז השגחה פרטית, וואס רעדט פאר זיך יעדעס ווארט.

דאס איז א סייעתא דשמיא וואס צייגט אז ווען א איד וויל זיין ערליך און ער איז מתפלל צום רבונו של עולם דירעקט, "הושיענו אלקים", און איך וויל האבן מיינע תפילין, און איך וויל מיינע תפילין זאלן ווערן אפגעהיטן, העלפט אים דער אייבערשטער מיט א סייעתא דשמיא, און ער איז זוכה צו קענען אנקומען צו זיין ריכטיגן ציל.

*(-)*